**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אפליקאציעס אפן פאר 'נורסעס פאר אונזער צוקונפט' סקאָלערשיפ**

***שטודיר קאסטן געדעקט פאר 1,000 נייע אדער איצטיגע העלטקעיר ארבעטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער עפענונג פון דער אפליקאציע צייט אפשניט פאר די 'נורסעס פון אונזער צוקונפט' סקאָלערשיפ. דער סקאָלערשיפ וועט דעקן שטודיר קאסטן פאר 1,000 נייע אדער איצטיגע העלטקעיר ארבעטער צו באקומען אן אסאסיעט דעגרי אין נורסינג (ADN) אדער א בעטשעלאר'ס דעגרי אין נורסינג וויסנשאפט (BSN) ביי א צוויי-יעריגע אדער פיר-יעריגע ניו יארק סטעיט פובליק קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט.

"פאר די פארלאפענע צוויי יאר זענען ניו יארק'ס נורסעס געווען אויף די פארנט-ליניעס פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, און מיר זענען שולדיג פאר יעדע איינע פון זיי א חוב פון דאנקבארשאפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו באקעמפען דעם ווירוס, וועט דער 'נורסעס פאר אונזער צוקונפט' סקאָלערשיפ וועט אנבאטן א וויכטיג געלעגנהייט פאר דעם קומענדיגן דור פון נורסעס צו באקומען ערשט-ראנקיגע בילדונג און פארזיכערן אז זיי זענען צוגעגרייט צו העלפן באשיצן זייערע ניו יארקער מיט-בירגער ווען זיי זענען די מערסטע גענויטיגט."

זינט אנהויב קאוויד-19 פאנדעמיע, זענען שפיטעלער אויסגעשטאנען אן ארבעטער מאנגל און א ריזיגע איינפליס פון פאציענטן. דער 'נורסעס פאר אונזער צוקונפט' סקאָלערשיפ פראגראם איז א וויכטיגער טריט געאייגנט אויף צו רעקרוטירן און ווידער טרענירן נורסינג און העלטקעיר פראפעסיאנעלן צו סערווירן אלס oNYSRN, אין וועלכע מען נויטיגט זיך די מערסטע. עס זענען יעצט פאראן איבער 9,300 עפענונגען פאר רעגיסטרירטע נורסעס אין ניו יארק סטעיט. דער נורסעס סקאָלערשיפ באדייט אז נאך 1,000 סטודענטן קענען אריינגיין אין א נורסינג פראגראם צי איידער אין SUNY אדער CUNY. סטודענטן וועלן קענען ענדיגן זייערע פראגראמען מיט א בייגזאמע סקעדזשול, אדער טייל-צייטיג אדער פול-צייטיג.

**NYSNA עקזעקיוטיוו דירעקטאר פעט קעין, RN האט געזאגט,** "נורסעס זענען פון שטענדיג אן געווען דער רוקנביין פון אונזער סטעיט'ס העלטקעיר סיסטעם, א מציאות וואס איז נאך קלארער געווארן זינט דער אנהייב פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע פאר אנערקענען זייער ביישטייערונג, אנבאטן דעם סקאָלערשיפ, און פארברייטערן די געלעגנהייט פאר איצטיגע און שטרעבנדע העלטקעיר ארבעטער זיך צו לערנען די געניטשאפט וואס זיי דארפן אויף צו בעסער סערווירן די מענטשן פון ניו יארק סטעיט."

ביז 500 סקאָלערשיפס וועלן אויסגעטיילט ווערן פאר אויסער'ן-סטעיט גע'לייסענס'טע נורסעס וואס ציען זיך אריבער און פראקטיצירן אין ניו יארק סטעיט צו פארדינען א BSN, 250 פאר ניו יארק סטעיט גע'לייסענס'טע נורסעס צו באקומען א BSN און 250 פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינער וואס זוכן צום ערשטן מאל צו באקומען אן ADN.

סקאָלערשיפּס װעלן דעקן די אַקטועלע שטודיר קאָסטן געמאַנט דורך דער פּובליק קאָלעדזש אָדער אוניװערסיטעט פאַר פיר פול-צייטיגע סעמעסטערס. אויסטיילונגען װעלן װערן צאָלן לויט די פּראָפּאָרציע פאַר באַקומער װעלכע שטודירן נישט פול-צייטיג און סקאָלערשיפּס װעלן נישט דעקן אַנדערע קאָסטן פון שטודירן, אַריינגערעכנט אָפּצאָל, קװאַרטיר, אָדער אַנדערע אויסגאַבן.

די באַמיאונג װעט אינצענטיװיזירן ניו יאָרק סטעיט איינװאױנער אַקטיװ אין די העלטקעיר געביט זיך אויסצושולן אויף צו שטייגן אין זייער קאַריער און פּאַראויס-פירן זייער בילדונג דורך דער SUNY אָדער CUNY סיסטעם.

דער ׳נורסעס פאַר אונזער צוקונפט׳ פּראָגראַם לויפט דורך SUNY און CUNY, װעלכע װעלן רעקרוטירן און װידער-טרענירן נורסינג און העלטקעיר פּראָפעסיאָנעלן, מיט שטודיר קאָסטן פולקאָם געדעקט. דער ניו יאָרק סטעיט לעיבאָר דעפּאַרטמענט װעט אויך העלפן מאַרקעטירן נייע געלעגנהייטן אין דער העלטקעיר אינדוסטריע צו די װעלכע אַרבעטן איצט אין די געביטן אָדער פאַר די װעלכע זענען אומבאַשעפטיגט.

אין צוגאַב װעט דער ניו יאָרק סטעיט לעיבאָר דעפּאַרטמענט העלפן מאַרקעטירן די נייע געלעגנהייטן צו עקזיסטירנדע און אַרבעטסלאָזע אַרבעטער, אַריינגערעכנט געלעגנהייטן פּאַראַן דורך ראַיאָנישע SUNY בילדונגס געלעגנהייט צענטערס פאַר איינטריט שטאַפּל נורס סערטיפיקאַציעס, װעלכע זענען אין הױכע פאַרלאַנג אַריינגערעכנט סערטיפייד נורסינג באַהעלפער, גע׳לייסענס׳טע פּראַקטיק נורס און נורסינג היים באַהעלפער.

איינשרייבונגען מוזן אויסגעפילט װערן [דאָ](#).

דורך סוקסעספול אַריינגעבן אַן אויסגעפילטער אָנליין איינטריט פאָרם װעט יעדע אַנטיילנעמער אַריינגעשטעלט װערן אין דעם גורל.

פאַר מער אינפאָרמאַציע, באַזוכט: https://www.governor.ny.gov/programs/nurses-our-future-scholarship

###